# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

In Der Shtil Fun Der Nakht (Lid)/ In the Still of Night (Poem)

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/1149s390

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 97(1)

### Author

Freida Trofimov Friedman, Freydl Trofimov Fridman/

### Publication Date

1981

### Copyright Information

Copyright 1981 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

אויב ער האָט אין ביבליאָטעק „שמחה פלאַכטע". יאָ, האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט — נאָר אויפן בוידעם; נישט געווען קיין אָרט אויף די פּאָליצעס פאַר „שמחה פלאַכטע".

עס דערציילט אונדז דער קלוב וועטעראַן און חשובער עסקן, שלמה צוקערמאַן, אַז זיי האָבן ביידע געאַרבעט ביי דעם בוי־קאָנטראַקטער ראָזנפעלד, וואָס האָט אויפגעשטעלט דעם קלוב־בנין אין 1945; ער, שלמה צוקערמאַן, ווי אַ מאַלער און אַזאָלין ווי אַ מייסטער־סטאָליער.

— ס'איז אונדז געווען אָנגעלייגט. מיר האָבן געפילט אַ דערהייבונג העלפנדיק בויען דעם קולטור־קלוב אויף מאָנראָ גאַס. נאָר פאַר נתן אַזאָלינען, זאָגט צוקערמאַן, איז די אַרבעט געווען ווי ער וואָלט בויען דעם בית־המקדש. ער האָט געצערטלט יעדעס שטיקל האָלץ באַזונדער, ווען ער האָט אַליין אויסגעאַרבעט און צונויפגעשטעלט די פּאָליצעס און שאַפעס פאַר דער ביבליאָטעק, ווי בצלאל פאַרן משכן אין מדבר סיני. צוקערמאַן דערמאָנט זיך אַן עפּיזאָד: אַזאָלין איז אַמאָל געגאַנגען קויפן שפּיז און פאַרן געלט בעסער געקויפט אַ בוך.

שלמה צוקערמאַן בלייבט בעת מעשה זיס פאַרחלומט וועגן יענע יאָרן, וועגן יענעם אייגנאַרטיקן סטאָליער נתן אַזאָלין, דער הייסער חסיד פון יידישן בוך.

פריידל טראָפּימאָוו פרידמאַן

## אין דער שטיל פון דער נאַכט

דערצייל מיר מיין האַרץ
אין דער שטיל פון דער נאַכט,
פאַר וועמען דו שרעקסט זיך אַזוי.
פאַרוואָס האָט די נאַכט
דיר קיין רו נישט געבראַכט
נאָר טרערן ווי פּערלעך טוי.

דערצייל מיר מיין האַרץ,
אין דער שטיל פון דער נאַכט,
וואָס נאָגט דיך, וווּהין טראָגט דיך אַזוי,
וואָס דו מאַכסט מיין לעבן אַזוי שווער.
מיין קאָפּ איז צו קליין
דיך מיין האַרץ צו פאַרשטיין,
אין דער שטיל פון דער נאַכט
מיר דערצייל, מיר דערקלער.

און זאָג וואָס דיך דריקט
און זאָג וואָס דיך קוועלט.
דער מאָרגן אין פענצטער
דאָך גרויט שוין און העלט.
טאָ נעם מיך מיין האַרץ מיט גוטסקייט אַרום
און מאַך שלום מיט דער וועלט.